ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# נפלאות מריזין

אידיש

**669**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# נִפְלְאוֹת קָדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל מֵרוּזִ׳ין

## וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַיילִיגְען צַדִיק

## רַבִּי ר׳ יִשְׂרָאֶלְטְשֶׁע מֵרוּזִ׳ין זצ״ל

## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל.

אין דיעזען ספר ווערט בעשריעבען די טייערע ספורים וואס איז געשעהען ביים היילינען ריזינער ז״ע ארויסגענומען פון היילינע ספרים.

# אינהאלט.

1 די רדיפות וואס הה"ק ז"ל האט געהאט אין ריזין.
2 דורך א מעשה איז הה"ק יוצא די מגילה לייענען.
3 די בעפרייאונג פון דער תפיסה.
4 דאס אנטלויפען פון יאססי קיין גאליציען.
5 דאס אנקומען קיין קומפאלינק.
6 הה"ק ביי קדוש לבנה
7 ווי הרה"ק ר' חיים'ל מקאסוב איז געקומען להרה"ק מריזין.
8 דאס אריינפאהרען קיין סאדאגורא.
9 ווען הה"ק איז געקומען בשלום קיין סאדאגורא.
10 ווען הה"ק האט זיך בעזעצט אין סאדאגורא.
11 שומרים פאר די טהיר פון הה"ק אין קישינוב.
12 דער גובערנאטאר פון לעמבערג האט דאס פראטאקאל קיין קיוב איבערשיקט
13 הה"ק מריזין דערציילט זיין יוחס.
14 א וויציגע תשובה.
15 א ישועה דורך א אמת'ן בטחון.
16 א מתנה וואס הה"ק מפרעמישלאן ז"ל האט געשיקט הה"ק מריזין ז"ל.
17 הה"ק מריזין לערנט א יונגען מאן מדות טובות.
18 הה"ק דערציילט ווי אזוי א סוחר איז ניצל געווארען פון א גזלן.
19 הה"ק מריזין ז"ל לערנט זיינע חסידים עבודת הבורא.
20 הגאון הצדיק ר' זאב דוב ז"ל מגיד משרים פון טארנא ביי הה"ק מריזין ז"ל
21 תחית המתים דורך א מעשה פון הה"ק ז"ל.
22 הה"ק מריזין ביי הה"ק מפאטא ר' יהושיע העשיל ז"ל.
23 הה"ק מריזין אין מעזיבעש.
24 צוויי זאלדאטען פון רוסלאנד אלס חסידים אין סאדאגורא.
25 הה"ק מריזין האט דערציילט א מעשה פונ'ם ויידען רבי ר' בער ז"ל.
26 דורך א מעשה פון הה"ק מריזין איז געהאלפען געווארען א מקשה לילד.
27 הה"ק לערנט די חסידים אים חנוכה שפיעלען אין דאמינא.
28 דאס אריבערפאהרען קיין יאסי (רומעניען).
29 הה"צ ר' מיכלי מזלאטשוב איז געפאהרען צום רבין ר' בער ז"ל.
30 א ריזינער חסיד האט געהאט אויף יענעם עולם מסירת נפש פאר זיין רבין.
31 וועגען דער קבלה פון רש"י און די בעלי התוספות.
32 א שמועס וועגען משיחין.
33 א גוטע עצה.
34 הה"ק מאפטא פערטיידיגט דאס התנהגות פון הה"ק מריזין.

# ספר נפלאות קדוש ישראל מריזין ז״ל

## 1. די רדיפות וואס הה״ק ז״ל האט געהאט אין ריזין.

אין דער שטאָדט ריזין (קיאַווער גובערניע) האָט געוואוינט הה״ק ר׳ ישראלטשי וואס וועלט גערופֿען דער הייליגער ריזינער ז״ל, הה״ק האָט אָבער געהאט זעהר פֿיעל שונאים, וואָס האָבען איהם כסדר גע׳מסר׳ט צום גובערנאטאָר קיעוו. איינמאל זענען פלעצליך געשטאָרבען צוויי פֿון זיינע גרעסטע געגנער. זיינע שונאים האָבען דאָ בעקומען א נייע מסירה, צו פֿערפֿאָלגען הה״ק ז״ל זיי האָבען באלד געשריבען א מסירה צום גובערנאטאָר קיין קיעוו, דאָס הה״ק מריזין האָט געהייסען, אז זיינע חסידים זאָלען הרגנ׳ען די צוויי געגנער, און דאָס הה״ק אליין האָט זיך ערקלערט פֿאַר מלך-ישראל. נישט מאַכענדיג קיין גרויסע חקירה ודרישה האָט דער גובערנאַטאָר געהייסען דעם הה״ק פֿערהאַפֿטען. ער האָט דאָס געטהון דערפֿאַר כדי ער זאָל פּטור ווערען פֿון אזוי פֿיעל מסירות, וואָס זענען אהן אַנ׳אויפֿהער אויף הה״ק ז״ל איינגעלאָפֿען אין יאָהר תקצ״ח האָט מען הה״ק אין דער תפיסה גענומען און איז אזוי געזעסען צוויי און צוואַנציג חדשים. דעמאָלס ווען הה״ק איז אין תפיסה געזעסען האָט ער געזאָגט: „שרים רדפוני חנם, ומדברך פחד לבי" דאָס איז טייטש. פֿאַר דעם וואָס די געריכטען טהוען מיך בחנם פֿערפֿאָלגען האָב איך קיין מורא, נור אָבער, „ומדברך פחד לבי" איך האָב נור מורא אויב די פֿערפֿאָלגונג איז נישט פֿון הימעל. און הה״ק האָט ווייטער געזאָגט „שש אנכי על אמרתיך כמוצא שלל רב" דאָס איז טייטש ווען עס איז אָבער בעשערט פֿון הימעל איך זאָל זיין פֿערפֿאָלגט פֿרעה איך מיך מיט דעם, וואָס איך טהוע גאָטס ווילען.

## 2. דורך א מעשה איז הה״כ יוצא די מגילה ליינען.

ווען הה״ק איז געזעסען אין דער תפיסה האָט מען קוים געווירקט ביים ריכטער, דאָס זיין גבאי זאָל מיט איהם צו זאמען זיין ווען עס איז געקומען פורים, הה״ק האָט בעדאַרפֿט האָבען א מגילה, האָבען די וועכטער פֿון קרימינאל באַין אופֿן נישט ארייגעלאָזט מען זאָל אריינגעבען א מגילה פֿיר

הה"ק, ווי עס איז שוין געוואָרען צו שפּעט און אַלע האָפֿנונגען פֿיר דער מגילה ברענגען איז אויפֿגעגעבען געוואָרען, זאָגט הה"ק צום גבאי, איך וועל דיר דערציילען אַ מעשה וואָס מיט די מעשה וועלען מיר יוצא זיין די מגילה ליינען.

עס איז אַמאָל געוועזען אַ גרויסער מלך וואָס האָט געהאַט פֿיעל מדינות, ביי איהם איז געוועזען אַ יוד פֿאַר אַ יועץ, ווי דער יועץ האָט איהם געהייסען טהון, האָט ער אייביג מצליח געוועזען; דער יודישער יועץ איז געוואָרען ביים מלך זעהר גרויס, אַז אַלע מיניסטאָרען האָבען געמוזט איהם רעשפּעקטירען; דער יועץ האָט אַמאָל געזאָגט צום מלך, איך וויל אויפֿבויען פֿאַר'ן מלך אַ פּאַלאַסט, וואָס קיין שום מאָנארך פֿערמאָגט דאָס נישט, דער מלך האָט איהם ערלויבט, און האָט געעפֿענט דעם אוצר המלוכה, ער זאָל האָבען בריות וואָס ער וועט האָבען נעטיג צו דער בוי. דער יועץ האָט געברענגט בעריהמטע אויסגעצייכנעטע אַרבייטער, און האָט זיך גענומען צו דער בוי, ווען די בוי איז פֿאַרטיג געוועזען, האָט דער מלך איינגעלאַדעט אַלע זיינע פֿריינד, און מאָנאַרכען פֿון דער וועלט, זיי צו צייגען די טייערע בוי וואָס דער יודישער יועץ האָט אויפֿגעבויעט. עס איז בעגינען די גרויסע סעודה אַלע געסט זענען צוזאַמען געקומען, דער קייזער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם יודישען יועץ פֿון דער בוי, אַלע פֿריינדע דעם קייזערס און אַלע מאָנאַרכען האָבען איהם זעהר בעלאָבט, און בעוואונדערט אזא גרויסען טאַלענט, און דאַדורך איז דער יועץ נאָך גרעסער געוואָרען. די שרי המלוכה די מיניסטאָרען און אַנדערע יועצים פֿון קייזער דורך קנאה פֿון דעם גרויסען כבוד וואָס דער יוד האָט געהאַט, זענען זיי איהם געוואָרען גרויסע שונאים און האָבען געטראַכט פֿערשידענע אופנים איהם פּטור צו מאַכען, זיי האָבען אָנגעהויבען מיט פֿערשידענע מסירות ביים קייזער און עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿען איינמאָל איז געקומען אַ גרויסער רשע אַ צורר היהודים, וועלכער איז געוועזען אַ גרויסער קינסטלער אין גלאָז אַרבייט צום קייזער, ער האָט אַ קונסט צו פֿערגלאָזען די נייע וואונדערבאַרע בוי אַז עס וועט אַזוי שיין דאָס עס וועט צו ציהען אַ האַלבע וועלט אָנקוקען די פֿערגלאָזונג. דער קייזער האָט איהם פֿערשפּראָכען דאָס ער וועט איהם דאַפֿיר בעלוינען וואָס ער וועט נור פֿערלאַנגען, אַבי דאָס זאָל געשעהן. דער גלעזער ענטפֿערט דעם קייזער אין זאַך פֿערלאַנג איך, דאָס דעם יענינגען וואָס האָט אויפֿגעבויעט דעם פּאַלאַץ צו פֿערניכטען. ווי דער קייזער האָט דאָס געהערט, איז ער זעהר צוריקגעבליבען ווייל ער האָט שוין זיין פֿערשפּרעכען נישט געקענט ענדערן, און דעם יודען פֿערניכטען, האָט ער אַליין אָבער דאָך נישט געוואָלט, האָט דער קייזער אָנגעשריבען אַ בריעף, צו אַנ'אַנדערען קייזער פֿון אַ ווייטע מדינה.

דאָס דער מענש וואָס וועט ברענגען דעם בריעף, תיכף צו ווארפען אין וואסער אריין.

דער קייזער האָט ניט פערחתמ'ט דעם בריעף, און לאָזט רופען דעם יודישען יועץ און זאָגט איהם, ווייל איך דארף אַ נייטיגע זאך פון יענעם קייזער, און איך קען דאָס נישט אנפערטרויען אנ'אנדערען איבערגיב איך דיר דאָ אַ בריעף די זאָלסט אהין פאָהרען אין יענעם קייזער אליין איינעגהענדיג איבערגעבען. דער יודישער יועץ האָט זיך אָבגעזעגענט מיט'ן קייזער און מיט זיין פאַמיליע, און איז אָבגעפאָהרען, אָנקומענדיג צו יענעם קייזער האָט ער געבעטען די וואך צו מעלדען ביים קייזער דאָס ער האָט געברענגט אַ בריעף פון זיין מלך איינגעהענדיג צו איבערגעבען, דער קייזער האָט ערלויבט דעם שליח פונ'ם קייזער מיט'ן בריעף אריין צו קומען.

דער יודישער יועץ איז אריין געגאנגען צום קייזער, אריינקומענדיג האָט ער זיך זעהר פיין פארגעשטעלט, דער זעלבער קייזער האָט איהם ערקענט אלס מייסטער פון דער קונסטבארער בוי, אַ בעוואונדערן גוטען איינדרוק האָט דער יועץ געמאכט אויפ'ן קייזער, דער קייזער איבערנעמט דעם בריעף און עפענט איהם, אָבער ווי ערשראָקען בלייבט דער קייזער אליין לייענדיג דעם בריעף דאָס ער דאַרף אויספיהרען דאָס בעפעהל פון יענעם קייזער און דעם מענש באלד אין וואסער אריין ווארפען. דער קייזער ערצעהלט לעזענדיג דעם בריעף דעם יודען... דער יוד איז נעפאלען בעטענדיג דעם קייזער צו די פיס צוליעב זיינע פאמיליע איהם נישט צו פערניכטען, דער קייזער אָבער זאָגט איהם איך דארף אָדער דאָס בעפעהל פון יענעם קייזער אויספיהרען זאָנסט קען ער מיר ווערען אַ שונא.

דער יוד האָט זיך פארגעשטעלט פארן קייזער דאָס ער איז אַ בע-רימטער קעכער פון פיש, אין זיין קאָכען פיש קענען בעוואונדערן אלע מאָנארכען. דעם קייזער איז געוועזען אַ רחמנות און האָט איהם גענומען צו זיך אין קיך און דער יוד איז געוואָרען אַ קעכער פון פיש.

דער קייזער האָט איהם געלאָזט אנשאפען דעם בעסטען פיש און דער קייזער וואהר זעהר צופריעדען פונ'ם קאָכען. אמאהל האָט דער יוד גענומען אַ פיש האָט ער געפונען אַ רינג פון אַ קייזער, ער טהוט גענוי בעאויבאכטען זעהט ער דאָס איז די [illegible] פון זיין קייזער וואָס ער וואהר ביי איהם אַ יועץ, און האָט איהם דעם וואונדערבארען פאלאסט אויפגעבויעט, ער האָט דעם רינג גוט בעהאלטען, און אָנגעהויבען קלערין אַ פלאן ווי אזוי ער זאָל דורך די רינג קענען צוריק קומען אין זיין לאנד צו זיין פאמיליע.

דער יועץ האָט זיך געלאָזט אָבשרייבען אַ בריעף און אַ אנדערע

שפראכע דער בריעף האט געלויטעט: פון קיזער לויתן צו יענעם גרויסען קיזער, א דאנק דיר די גרויסער קיזער וואס האסט מיר אהערגעשיקט אזא קינסטלער וועלכער האט מיר אויפגעבויעט, אזא שיינעם פאלאץ, וואס בייא קיין שום מאנארך איז דאס נישט דא, און שיק דיר צוריק א מתנה פאר דאס דיין אייגענע רינג וואס די האסט אמאהל פערלוירען אין ים הגדול, און דארפסט אזא טאלענט ווי דער מענש איז שעטצען און עהרען, און אצינד האט מיר דערציילט דער מענש, דאס די האסט א גלעזער א גרויסין קינסטלער בעט איך דיך גרויסער קיזער און שיק מיר איהם אהער, איך וועל דיר אימער דאנקבאר זיין, און בלייב הערצליך געגריסט פון דיין פריינד קיזער לויתן.

דער יועץ האט וויטער גענומען א קאפערט און האט דעם בריעף אריין געלעגט און האט געלאזט מאכען א חותם מיט'ן לויתן'ס צייכען און דאס גאלדענע פינגעריל אריין געלעגט אינ'ם בריעף. דער יועץ האט געבעטען זיין יעצטיגען קיזער ער זאל איהם ערלויבען אהיים פאהרען, ער האט א בעזונדערן נוטצען פלאן ווי אזוי ניצל צו ווערען, און עס וועט בע-וויזען, דאס זיין בעפעהל איז באלד אויסגעפיהרט געווארען: דער קיזער האט איהם אהיים געשיקט און האט איהם בעגלייט מיט כבוד. דער יועץ איז געקומען נישט ווייט פון זיין שטאדט, איז ער אריין געגאנגען אין וואסער מיט די קליידער, דאמיט צו זעהן אז ער קומט ערשט ארויס פונ'ם וואסער. דער יודישער יועץ איז אבגעקומען אין דער שטאדט פון זיין ערשטען קיזער און איז גלייך מיט די נאסע קליידער אהין צום קיזערס וואהנונג, די וואך האט צום ערשט נישט געלאזט אריין געהן, ווי אבער ער האט געוויזען דעם בריעף צום קיזער, איז ער באלד אריין געקומען, און איבערגעבענדיג דעם בריעף דערציילט ער דעם קיזער זיין גאנצע פערגאנגענהייט בייא'ם לויתן קיזער, עפענדיג דעם בריעף פאלט ארויס א גאלדענע רינג מיט גראווירונג, ווי ער-שטוינט בלייבט דער קיזער ווען ער דערזעהט זיין אייגענע רינג וואס ער האט מיט א סך יאהרען פריהער פערלוירען. ליינענדיג דעם בריעף האט דער קיזער געקענט גלויבען, דאס די גאנצע זאך איז אמת, און האט דעם יוד צוריקגענומען פיר זיין יועץ אין דעם גלעזער דעם ״צורר היהודים געהייסען ארייינווארפען אינ'ם ים ער זאל אבקומען צום לויתן קיזער צו פערגלאזען זיין פאלאסט, ווען דהה״ק מרוזין האט געענדיגט די מעשה, האט ער געזאגט צום נבאי מיט די מעשה זענען מיר יוצא די מגילה ליינען. און עס איז גראדע ווי מרדכי מיט המן, מרדכי איז געוועזען א יועץ המלך און המן דער צורר היהודים האט געוואלט מרדכי'ן פערטראכטען ביז נאט האט געהאלפען אז המן האט געהאט א מפלה און מרדכי איז געווארען צוריק יועץ המלך.

## 3. די בעפרייאונג פון דער תפיסה.

אין יאָהר ת"ר פרשת כי תשא איז ערשט הה"ק ז"ל ארויס פון דער תפיסה, אז מען האט איהם געפרעגט פאר וואס מען האט איהם ארויסגעלאזט פון דער תפיסה האט ער געענטפערט: אזוי ווי כ'האב נישט געוואוסט פאר וואס מען האט מיך איינגעזעצט, וויל מען האט מיך פערהאפטעט אהן א שום פראטאקאל אזוי האט מען מיך אויך אהן א שום פראטאקאל ארויסגעלאזט. די שונאים הה"ק ז"ל האבען אבער נאך נישט גערוהט נור כסדר געשיקט פרישע מסירות צום גובערנער. הה"ק האט בעשלאסען צו ווארפען גורל: צו פערבלייבען אין ריזין צו זיך אוועק ציהען קיין קישינוב. אויב דער גורל וועט פאלען אויף ריזין וועט ער זיכער פערבלייבען אין ריזין און אויב קישינוב וועט ער זיך ציהן קיין קישינוב. דער גורל איז אבער אויסגעפאלען אויף קישינוב, און הה"ק האט געמוזט דינגען וועגען פאר 300 רובל וואס זאלען זיין מעבעל מיט כלי-בית איבערפיהרען. ווען הה"ק האט שוין געוואהנט אין קישינוב איז צו איהם געקומען א בריעף פון זיין מחותן הג' ר' יעקב יוסף האלפערן ז"ל פון בערדיטשעב וואו מען האט איהם מודיע געווען דאס דער גובערנער האט ארויסגעגעבען א אורטייל דאס הה"ק טאר נישט וואינען אין א זעלכע מדינות וואו עס וואוינען יודען. נור מוז מיט זיין גאנץ בני-בית כל ימיו לעבען אין די קאזאצקע מדינות וואו יודען טארען נישט אהינקומען.

די אורזאך פון דער שטראפע איז פאר דאס וויל מען האט איהם נע'מסר'ט דאס די חסידים רופען איהם מלך און עס איז צו בעזארגען אז מיט דער צייט קען ער ווערען א קייזער איבער אלע יודען. דער גובערנאטאר האט דאדורך אויסגעקלערט אזא שרעקליכען משפט. ווי הה"ק האט דערהערט דעם משפט איז איהם זעהר ביטער געוועזען און ער האט בעשלאסען אוועק צו פאהרען פון דער מדינה קיין מאלדאווי און זיך בעזעצען אין דער שטאדט יאסס, אין יענער צייט איז געוועזען א געזעץ אז א רוססישער אינטערטהאן האט בעדארפען אוועקפאהרען אין אויסלאנד, האבען צוויי אנשים בטוחים געמוזט האפטען אז ער וועט אין א געוויסע צייט צוריק קומען. מען קען זיך דאהער משער זיין וויעפיעל געלד און פראטעקציע פון די גרעסטע מענשען האט עס געקאסט איידער הה"ק ז"ל האט געקענט פון רוסלאנד אוועק. הה"ק האט זיך בעזעצט אין דער שטאדט יאססי אין רומעניען.

## 4. דאס אנטלויפען פון יאססי קיין גאליציען.

נישט לאנג האט אבער געדויערט די צייט וואס דער צדיק האט גע-

האט אין דער שטאָדט יאַססי, דען אַזוי ווי זיין מחותן הג׳ ר׳ יעקב יוסף האלפּערן האָט איהם געשריעבען אַז אין קיעוו איז ארויס געגאַנגען אַנ־אורטהייל פֿונ׳ם גובערנאַטאָר, אַזוי באַלד איז דער נאַטשעלניק פֿון ריזין געוואָרען באַאויפטראַגט איהם דאָס אורטהייל צו איבערגעבען. און ווייל הה״ק האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין קישינעוו האָט דער נאַטשעלניק פֿון רוזין געגעבען דעם קישינעווער נאַטשעלניק אַ שטרענגען אויפטראַג איהם דאָס אורטהייל באַלד צו איבערגעבען. דער קישינעווער נאַטשעלניק האָט שוין געהאַט ארויסגעגעבען אַ רייזע פּאַס קיין יאַססי (וואָס ס׳איז אפשר געווען שלא על פּי דין) און מורא האָבענדיג פֿאַר׳ן גענעראַל־גובערנאַטאַר פֿון קיעוו האָט ער באַלד געגעבען אַנ׳אויפטראַג דעם רוסישען קאָנסול אין יאַססי, אַז ער זאָל זעהן זאָפֿאָרט הה״ק צוריק צו שטעלען קיין רוסלאַנד. אָבער, ווי פֿון הימעל, האָט הה״ק פֿון דער גאַנצער זאַך געוואָהר געוואָרען, און ער האָט דאָהער בעשלאָסען ווי אם שנעלסטען אַבצורייזען קיין גאַליציען. זיין פּאַס האָט אָבער געדיענט נור פֿאַר רומעניען אָבער נישט פֿאַר גאַליציען. הה״ק איז פֿאַר דאָס אויף דער גרענעץ שטעהען געבליבען און נישט געקענט פֿאָהרען קיין גאַליציען. זייענדיג אָבער אַ פּאָר טאָג אויף דער גרעניץ זענען דאָרט אָנגעקומען פֿיעל חסידים, וועלכע האָבען געוואוהר געוואָרען אַז הה״ק ווײַלט אויף דער גרעניץ. מען האָט אַזוי לאַנג געאַרבייט ביז מען האָט געקריגען אַ רייזע פּאַס. דער רייזע פּאַס איז אָבער געווען פֿון אַ 26 יעהריגען יונגער מאַן און הה״ק איז דעמאַלט אַלט געווען איבער 40 יאָהר האָט ער מורא געהאַט צו געהן צום נאַטשעלניק כדי ער זאָל נישט אויסזעהן ווי אַ בעטריגער ר״ל: ערשט הנגיד המפורסים ר׳ נתן שמעון פֿון שטאָדט שאץ, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשיב ביים נאַטשעלניק פֿון גאַליצישער גרעניץ האָט געפּועלט אַז מען זאָל גאַר נישט מאַכען קיין שאלות נור באַלד דעם רייזע פּאַס אונטערשרייבען. וכך הוי מען האָט איהם באַלד אונטערשריעבען דעם רייזע פּאַס דאָס ער מעג פֿריי אין גאַנץ גאַליציען רייזען. און הה״ק איז בשלום אַריבער די גרעניץ.

## 5. דאָס אָנקומען קיין הוּמפּאָלינג.

אין אַ פֿראָסטיגע שבת־נאַכט איז הה״ק אָנגעקומען אויף די גאַליצישע גרעניץ, דער שווערער ווינטער פֿון יענעם יאָהר, האָט אומעטום אָנגעשיט גרויסע שנעען. הגביר ר׳ נתן שמעון האָט גענומען זיין אייגענעם שליטען אין געפֿאָהרען מיט הרב הצדיק אַז זיי זענען געקומען צום טייך דניעסטר האָט זיך זיי געדאַכט אַז ער איז פֿערפֿרוירען, און זיי זענען גאַנץ אָהן מורא געפֿאָהרען און מיטען טייך האָט דאָס אייז אָנגעהויבען איינצוברעכען און אַלע

ווענען אין וואסער אריין געפאלען מיט שווערער מיה האט הנגיד ר׳ נתן שמעון אויף זיינע אקסעל דעם הה״ק אויף די צווייטע זייט וואסער אריבער געפיהרט. דא האט מען געדינגען א שליטען אין מען איז געפאהרען ביז אין דעם שטעטעל קומפלינג תאו עס האבען איהם ערווארטעט זיינע מענשען ר׳ שמואל משמש און ר׳ יודעל שוחט, הה״ק מריזין ז״ל האט געהאט א חק מיט זיך תמיד צעהן יודען צו האבען און דא אין דעם קליינעם שטעדטיל האט געפעהלט האט ער געשיקט א שליח צו זיין מחותן הצדיק הקדוש ר׳ חיים מקאסוב ז״ל דעם בעל מחבר פון ספר „תורת חיים" אויך קיין קא-לאמעא צו הרב הצדיק ר׳ שמעלקא ז״ל דעם זוהן פון הצדיק הקדוש ר׳ משה ליב מסאסוב ז״ל מיט דער בקשה איהם צו שיקען מענשען כדי ער זאל האבען זיין איינגען פנין. אז די צדיקים הנ״ל האבען געהערט אז הה״ק ז״ל איז אין דער נאהנט האבען זיי באלד געשיקט מענשען כדי משלים צו זיין דעם מנין. אויף שבת קודש איז אויך הרב הצדיק ר׳ שמעלקי ז״ל פון קאלאמעא אריין געפאהרען קיין קאמפאלינג צו הה״ק מריזין.

## 6. הרה״ק ביי קדוש־לבנה.

ווען הרב הקדוש איז געוועזען אין קומפאלונג זענען זיך צוזאמענגע-קומען צו איהם פיעצעהן מקורבים היימישע חסידים און נאך אנדערע מענשען פון דער סביבה אין דעמולט האט הרה״ק געוואוינט ביי א גביר וועלכער אליין האט געוואוינט צווישען דריי הייזער ווייטער איינמאל ביי נאכט איז געווען זעהר א שעהנע לבנה און דעמאלט גראדע איז נישט געווען ביי הרה״ק נור דריי חסידים ר׳ וואלף מסערעט, ר׳ יודל שוחט און ר׳ שמואל משמש די איבריגע חסידים אבער זענען געווען אויף דער גאססאדע דאדורך האט הרה״ק געמוזט מחדש זיין די לבנה בלויז מיט די דריי חסידים, ערשט נאך קדוש לבנה זענען אריינגעקומען דער גאנצער עולם און הרה״ק האט געגעבען א זילבערנע מטבע א פערציגער אין הנגיד הגביר ר׳ נתן שמעון האט געגעבען צוויי רובל און דער עולם האט געטרונקען צום רבין הקדוש לחיים.

## 7. ווי הרה״ק ר׳ חיים׳ל מקאסוב איז געקומען להרה״ק מריזין.

מאנטאג אין דער פריה איז געקומען קיין קומפאלינג צו הרה״צ מריזין ר׳ חיים׳ל מקאסוב ז״ל די אנשי שלוחי האבען באלד מודיע געווען דעם הרה״ק די בשורה טובה פון דעם טייערען גאסט. הרה״ק מריזין האט זיך זעהר געפרייט איבער די בשורה און האט א קענען געשיקט פון זיינע מענשען.

צו איינעם פון זיינע טרייע חסידים האט ער געזאגט בזה הלשון: א היימישען וויל איך פון מיר נישט אוועקלאזען, אלע יודען זענען היימיש, נור ס'איז א חילוק צו דעם וואס געוועזען ביי מיר אין דער היים.

## 8. דאס אריין פאהרען קיין סאדאגורא.

דער באראן פון סאדאגורא האט געהערט פון הה"ק מריזין, דאס ער איז אין קומפלינג, און די רוסישע רעגירונג וויל איהם שרעקט טהון, האט ער געשיקט צו הה"ק אנשים חשובים, דאס ער קאן זיך פריי בעזעטצען אין סאדאגורא, און דער באראן פערשפרעכט איהם שוטצן ווי ווייט מעגליך.

הה"ק מריזין האט אריבערגעשיקט קיין סאדאגורא, הגביר החסיד ר' נתן שמעון משאטץ צום באראן, אויב ער מיינט ערנסט; דער באראן האט נאך אמאהל ערקלעהרט דאס ער וועט שטיין צו דער רעכטע האנד פון הה"ק אויך ביים רוסישען קאנסול פון טשערנאוויץ, דאס מען וועט איהם קיינער קיין שלעכטעס טהון. ווען הגביר החסיד ר' נתן שמעון פון שאטץ איז צוריק געקומען פון באראן, און דערציילט הה"ק דעם באראן צו זאגען האט הה"ק זיך שואל עצה געוועזען מיט הה"ק ר' חיים'ל מקאסוב ז"ל און ער האט אויך מסכים געוועזען דאס הה"ק זאל פאהרען קיין סאדאגורא, און באלד אויף שבת איז הה"ק אריין געפאהרען קיין סאדאגורא.

## 9. ווען הה"ק איז געקומען בשלום קיין סאדאגורא.

די ערשטע צייט ווען הה"ק מריזין האט זיך בעזעטצט אין סאדאגורא, האט מען אבגעריבען קלערין אן עצה, ווי אזוי צו מאכען הה"ק פאר א געבוירענער פון סאדאגורא, א אסטרייכער אונטערטאהן, עס איז געוועזען אין סאדאגורע א משפחה דאנענבעלד, פון די משפחה איז געוועזען א יונגעל פון 10 יאהר, און וויל דער פאטער איז געוועזען ארים, און האט איהם נישט געקענט מפרנס זיין איז ער געפאהרען צו א פעטער, וואס האט געהייסען שלום פריערמאן, און דאדורך מכח דעם פעטער, האט מען איהם גערופען ישראל פריערמאן, און וויל שוין 40 יאהר ווי מען האט נישט געהערט פון דעם ישראל פריערמאן, און הה"ק איז אויך געוועזען אין די יאהרען, אנידך פון חמישים. האט מען געקענט מאכען לייכט א פראטאקאל, אז דאס איז טאקע דער ישראל פריערמאן, וואס איז ביים אוועקפאהרען פון סאדאגורא 10 יאהר אלט געוועזען און יעצט ווי ער איז געוועזען ביים פעטער אין רוסלאנד 40 יאהר, איז ער היינט 50 יאהר אלט, דאס אלעס

איז געלונגען מיט א בעזונדער גליק, און הה"ק האט שוין געהייסען א נעי־בוירענער פון סאדאגורא.

## 10. ווען הרב הקדוש האט זיך בעזעצט אין סאדאגורא.

ווען הה"ק מריזין ז"ל האט זיך בעזעצט אין סאדאגורא האט ער געוואוינט אין א הויז נעבען א אפיציער. יום כפור בשעת כל נדרי ווען אלע יודען דאווענען מיט'אזא התלהבות אין געשריי האט דער אפיציער וואס האט געוואוינט דענעבען דורך דעם געשריי נישט געקענט איינשלאפען, אין גרוים כעס האט ער געבאטעט די שווערט אין געוואלט די יודען שלאגען אלע יודען זענען אין גרויס שרעק ארייננעלאפען אין שול. הה"ק האט זיי געפרעגט וואס דאס איז האט מען איהם ערצעהלט דאס א אפיציער האט געוואלט די יודען שלאגען. דער גבאי איז דערווייל ארויסגעגאנגען אין געבעטען אז ער זאל לאזען דאווענען, דער אפיציער אבער האט זיך אבגעזאגט. צום סוף האט ער געפרעגט ווי לאנג עס וועט נאך דויערן. דער גבאי האט איהם געזאגט דאס העכסטענס פון א האלבע שעה ביז א שעה דעמאלס ערשט איז דער אפיציער אהיים געגאנגען נאך דעם דאווענען האט הה"ק געפרעגט דעם גבאי וואס ער האט גע'טענה'ט מיט דעם אפיציער. דער גבאי האט אלעס דערצעהלט. דעמאלס האט הה"ק געזאגט די ווערטער: אין עסטרייכיש מיליטער קען א יוד נישט פערדיענען און די שרי רוסלאנד קען מען יא פערדינען. שלמה ישעי' קען פערדיענען אין א ליעפערונג פון העק צו שיפען דריי הונדערט טויזענד קערבלעך, קיינער האט נישט געוואוסט וואס הה"ק מיינט נור ערשט אז הנגיד ר' שלמה ישעי' איז געקומען צו הה"ק אויף חנוכה און דערצעהלט אז ער האט פערדיענט ביי א ליפערונג פון העק צו שיפען 300.000 קערבליך צווישען די ימים נוראים דעמאלס האט מען ערשט געוואוסט וואס הה"ק האט דעמאלס נאך כל נדרי געזאגט, און אז דאס אלעס איז נור געווען פאר די טובה פון ר' שלמה ישעי' וועלכער איז געווען הה"ק'ס א אוהב נאמן.

## 11. שומרים פאר די טהיר פון הה"ק מריזין אין קישינוב.

ווען דער גובערנאטאר אין קיוב, האט געזעהן דאס אלע אנווענדונגען צוריק צו ברענגען הה"ק מריזין, איז נומצלאז, האט ער אנדער געשטעלט

פאר'ן הויז פון הה"ק אין קישינוב שומרים, דאמיט דאס בני בית זאלען נישט אנטלויפען, אזוי ווי ער אליין איז אנטלאפען. דערנאך האט דער גובער-נאטאר געשיקט נאך זיין עלטצען זוהן הה"ק ר' ר' שלום ז"ל, און איהם שטרענג בעאויפטראגט, ער זאל שרייבען זיין געגענווערטיג א בריעף צום פאטער ער זאל תיכף אהיים קומען, אז נישט וועט דער גובערנאטאר די גאנצע פאמיליע פון הה"ק קיין סיביר פערשיקען, דעם בריעף האט דער גובערנאטער איבערגעגעבען די 2 גבירים, וואס האבען געהאפט פאר הה"ק ווען ער איז ארויסגעפאהרען פון רוסלאנד קיין יאס, דאס די צוויי גבירים זאלען ארום פאהרען איהם אויפזוכען און צושטעלען צום גובערנער.

אין צווישען האט הרבנית הצדקות אשת הה"ק מרזין געשריבען א בריעף קיין סאדאגורא בזה הלשון. זאלסט וויסען אז מען האט אונז ארומ-גערינגעלט מיט פאדנעקעס (פאליציערס) און דער גובערנער האט געשיקט רופען בני שלום, און ער האט איהם געזאגט, אז די וועסט נישט אהיים קומען וועט ער אונז ח"ו פערשיקען, און ער האט אונז געהייסען שרייבען א בריעף צו דיר, די זאלסט אנדערש נישט טהון נור אהיים צו קומען, נור מיר זאגען נישט קיין דעה, און אז די ווילסט נישט אהיים קומען איז קיין אנדער בעווארעניש רק אל צרפת או אנגליא (פראנקרייך אדער ענגלאנד) און זי האט זיך אונטערשריעבען דעם נאמען שרה.

אויך די צוויי האפטערס וועלכע האבען געהאפט פאר הה"ק, ווען ער איז פון רוסלאנד קיין יאס געפאהרען, האבען געשריעבען א בריעף צו הה"ק אז זיי ווענען געצוואונגען צו קומען קיין סאדאגורא, אויך פון לעמבערג איז געקומען א בריעף פון ר' יצחק מברשטוב אז דער דר. ראפאפארט וועלכער איז געוועזען ביים גובערנער אין לעמבערג א טובה צו טהון הה"ק יהאט ער געענפערט. פאלס עס וועט קומען נאך אמאל אנ'אויפטראג פון רוסלאנד מוז ער הה"ק צו שטעלען צו דער גרעניץ. עס איז דאמאלס געזועזען זעהר קריטיש. הה"ק האט שוין געוואלט אנטלויפען קיין אונגארן, אבער דאס איז אויך נישט מעגליך, געוועזען ווייל זיין רייזע פאס איז געזעזען נור קיין גאליציען דאדורך האבען די גוטע פריינד פון הה"ק בעשלאסען, נאר דעם ווי דאס פראטאקאל לויטעט אז ישראל פריעדמאן איז טאקע א געבוירענער פון סאדאגורא, און האט נעוואינט אין רוסלאנד, אצינד וויל ער איז שוואך האבען איהם געשיקט דאקטוירים אהער קיין סאדאגורע אויף לופט, און די האפטער קענען זיך פערטיידיגען אז דאס מלכות פון עסטרייך וויל איהם נישט ארויסגעבען זענען זיי פטור פון די האפטונג אין דעם דאקטאר ראפא-פורט האט מען אריינגעשיקט 100 גאלדענע רענדליך דאס דער גובערנאטור פון לעמבערג זאל דאס פראטאקאל גוט בעגלייטען און עס איז ברוך השם

געדוננען און מען האט נישט מעהר קיין שלעכטעס ווארט געהערט פון הה"ק ז"ל.

## 12. דער גובערנאטאר פון לעמבערג האט דאס פראטאקאל פיון קיוב איבערשיקט.

דער גובערנאטאר פון לעמבערג, האט דאס פראטאקאל אריינגעשיקט קיין קיוב, און ווי דער קיוב'ער גובערנאטאר האט געזעהן, אז הה"ק איז נאר א געבוירענער פון אויסלאנד, האט ער בעפרייט די האפטערס, און האט ארויסגעגעבען, אנאקאז (אנ'אורטייל), אז הה"ק האט דעם דין פון א אויסלענדער, און ער דארף קיין מאהל האבען דאס רעכט, צו וואוינען אין רוסלאנד, דאס בני בית פון הה"ק, האט ער אויך געגעבען רשות, דאס זיי מעגען פארען קיין סאדאגורע.

דערווייל האט הה"ק איבערגייכט א געזונד קיין טשערנאוויטץ, אזוי ווי קיין לעמבערג, און דאס איז בעשטעטיגט געווארען, סיי יודען און סיי נישט יודען, האבען עדות געזאגט דאס זיי געדענקען גוט דעם דאנגענפעלד, און זיין זוהן ווען ער איז אוועק פון סאדאגורא, און דאס איזטאקע דער זעלבער דער גובערנאטאר פון טשערנאוויטץ האט אויך דאס גוט אויפגענאמען, און בעשטעטיגט אז הה"ק איז א געבוירענער פון סאדאגורא, און דאדורך האט ער א רעכט דא צו וואוינען, און די רוסישע רעגירונג האבען נישט קיין רעכט איהם אהין צו פערלאנגען: דער גובערנער פון טשערנאוויטץ, האט אויך פערלאנגט דאס הה"ק מריזין דארף אויפווייזען, אז ער האט 20 טויזענד גולדען. אין זיין פערמעגען, אויך דאס איז הה"ק נאכגעקומען, און האט געצייגט דעם בעטראג פאר'ן קאמיסער.

## 13. הה"ק מריזין דערציילט זיין יחוס.

הה"ק מריזין ז"ל איז א מאל געפאהרען אויף ש"ק קיין קאסוב צו הה"ק ר' חיים'ל ז"ל, שבת-צו-נאכטס איז הה"ק מריזין אריינגעגאנגען אין חדר פון ר' חיים'ל מקאסוב, און דער לעצטער האט איהם צוגעשטעלט א שטוהל צו זיצען און איהם מכבד געווען מיט א כוס חיין. הה"ק האט זיך תמיד נוהג געווען אז ער האט געטרונקען חיין האט ער נור אבגעזייפט א ביסעל און דא האט ער אויך אזוי געטהון, ער האט אבגעזייפט אביסעל און אנגעהויבען דערצעהלען א מעשה, בזה הלשון: מיין זיידע הגאון ר' פייביש מקרעמניץ ז"ל דער בעל-מחבר פון דעם בעריהמטען ספר משנת חכמים אז עס איז איהם קשה געווען עפעס אין לערנען און האט עס נישט באלד פערשטאנען

האָט ער נעפּאַסט א הפסקה און מען האָט איהם מגלה געווען מן השמים.

איין מאָל האָט ער געלערנט אלפס מיט ר"ן און האָט געהאט זעהר א הארבע קשיא וואָס נאָך פיעל קלערין אין מיטשען זיך האָט ערשט געמוזט פאַסטען א הפסקה ביז ער האָט פערשטאנען, און וויל הגאון ר' פייבוש איז געוועזען א מתנגד פון ר' ר' בער ז"ל האָט ער זיך בעשלאָסען ער מוז אריבער פאָהרען צום רבי'ן ר' בער פרעגען דעם הארבען ר"ן. און אז ער וועט איהם פערענטפערן דעמאָלס וועט ער וויסען פאַר וואָס מען רופט איהם „רבי".

הגאון ר' פייבוש ז"ל האָט באַלד גענומען א פוהר און האָט זיך מיטגענומען דעם ר"ן, ביי זיין אָבקומען קיין מעזריטש איז ער באַלד געגאַנגען צום רבין ר' בער, דער גבאי לאָזט איהם נישט באַלד אריין דער ר' בער האָט געהערט דעם שמיעס צווישען הרב הגאון ר' פייבוש אין דעם גבאי האָט ער געעפענט די טהיר און דערזעהענדיג ר' פייבוש'ן מיט א גרויס כבוד אינטערן אָרים, רופט איהם אריין גיעט איהם שלום און פרעגט איהם זיין בקשה, הרב ר' פייבוש זאָגט צום רבין ר' בער איך האָב געהערט מען רופט אייך רבי בין איך אהער געקומען אייך פרעגען א שטיקעל ר"ן דער ר' ר' בער האָט באַלד אָבגעזאָגט נישט קלערענדיג ווי גלייכגילטיג דאָס הארבע שטיקעל ר"ן, פשוט ווי א יוד אין אשרי דעמאָלס האָט ער מודה געוועזען אז מען דארף איהם רופען רבי, הגאון ר' פייבוש האָט זיך באַלד משדך געוועזען מיט'ן ר' ר' בער ר' אברהמלי המלאך איז געוואָרען זיין איידעם ר' פייבוש'נ'ס אין בזה הלשון האָט אויסגעלאָזט הה"ק מרוזין פון דאניט איז ארויס געקומען מיין טאַטע ר' שלומקי:

## 14. א וויציגע תשובה.

הצדיק הקדוש ר' מאיר מפרעמישלאַן, האָט אמאָל געשיקט צו הה"ק קיין סאדאגורא א בריוועל דורך א דאָרפסמאַן, וועלכען ער האָט אָנגעזאָגט, דאָס בריוועל צו בעהאַלטען אין שטיוועל און עס קיינעם נישט איבערגעבען, אפילו די גבאים, נור אריין געהן צום רבין, אויסטהון די שטיפעל, און עס איבערגעבען. דער דאָרפסמאַן האָט געפאָלגט אזוי ווי מען האָט איהם געהייסען, אריינגעגאַנגען צום רבין אויסגעטהון זיך די שטיפער, און איבערגעבען להרב, דאָס בריוועל. אין דעם בריוועל האָט הה"ק מפרעמישלאַן אזוי געשריבען: וויל האַנט איז נאָהנט צו שבועות, און מען דארף עסען מילכיגע קרעפּליך, ווייס איך נישט ווי אזוי זיך נוהג צו זיין מיט זיי. זאָל איך עסען איין קרעפּעל איז צו ווייניג, זאָל איך עסען צוויי איז זוגות. דריי איז צופיעל? הה"ק מרוזין ז"ל האָט געשמייכעלט אין געזאָגט צום שליח: זאָג הה"צ ר'

מאיר'ל מפרעמישלאן אז ער זאל זיך היטען מאכען אזוי א גרויס קרעפעל אז עס זאל בעשטעהן פיר צווי אונ מיט דעם וועט ער יוצא זיין לכל הדעות.

## 15. א ישועה דורך א אמת'ן בטחון.

צום הייליגען מגיד רבי ר' בער ז"ל איז אמאל געקומען א דארפסמאן מיט זיין ווייב אונ געבעטען אז דער מגיד זאל זיי צוזאגען אז זיי וועלען גע- האלפען ווערען מיט א בן זכר. דער מגיד האט זיך אויסגעבאטען 52 רובל ווי פיעל עס טרעפט אב דאס ווארט „בן" דער דארפסמאן אבער האט נור געוואלט געבען 21 רובל, האט דער מגיד נישט געוואלט אונ דער דארפס- מאן איז אוועק. באלד אבער איז ער צוריקגעקומען אונ צוגעלעגט נאך 20 רובל זאגענדיג צום רבי'ן: זעהט רבי איך האב אייך געברענגט א פולען טיש מיט געלד. דער מגיד האט אבער ווייטער נישט געוואלט. דא איז שוין דער דארפסמאן אריין אין כעס אונ געזאגט צום ווייב: נעם צוריק דאס געלד גאט אליין וועט אונז מוזען העלפען, דער מגיד ז"ל דערהערענדיג די ווערטער האט אויסגערופען מיט שמחה: געהט אהיים איהר זענט שוין געהאלפען עס איז אצינד געווארען א רעש אין הימעל איבער אייער עהרליכען בטחון. עס איז אוועק א קורצע צייט אונ זיין ווייב האט געבוירען א בן זכר אונ דער הייליגער מגיד ז"ל איז געוועזען אויף דער סעודה סנדק.

## 16 א מתנה וואס הה"ק מפרעמישלאן ז"ל האט געשיקט הה"ק מריזין ז"ל.

א גביר, וועלכער איז געפאהרען צו הה"ק ר' מאיר'ל מפרעמישלאן ז"ל האט איהם אמאל געברענגט א מתנה, א גאלדענעם בעכער, הה"ק מפרעמישלאן האט איהם צו גענומען, האט גענומען א שליח מיהר, אונ האט דעם בעכער אריבער געשיקט קיין סאדאגורא צו הה"ק מריזין א מתנה; הה"ק מריזין האט תיכף מיט'ן זעלבען שליח אפגעשריבען א בריעף מיט א דאנק צו. אונ עס איז געווארען פערבונדען צווישען זיי א גרויסע אהבה. ער"ח סיון איז הה"ק מפרעמישלאן נפטר געווארען די קינדער האבען נישט געלאזט מודיע זיין די בשורה, אונ ווען הה"ק מריזין איז געזעסען נאך הבדלה שבת-צו-נאכטס, איז איהם אויסגעלאשען א ליכט, האט הה"ק געזאגט רבותי. עס איז עפיס נייעס אויף דער וועלט, ער האט געבעטען זיין זוהן, הה"ק ר' שלום אפשר ווייסט ער עפיס נייעס, אבער ער האט נישט געזאגט. צו מארגענס איז ער ארומ- געפאהרען ארום דאס בית החיים, אונ ווען ער איז צוריק אהיים האט ער גע-

זאגט: א גרויס ליכט איז נעביך פערלאשען וואנט מיר חער, ערשט דעמאלס האט מען איהם געזאגט פון דער פטירה פון הח״ק מפרעמישלאן ער האט זעהר געשרויערט און האט געזאגט צום עולם בזה הלשון: מיר האבען איהם אזוי ווייט ביים לעבען נישט געקענט זכותו יגן עלינו ועכ״י.

## 17. הה״ק מריזין לערנט א יונגען מאן מדות טובות.

אמאהל איז געקומען א יונגער-מאן צו הה״ק מריזין ז״ל אבגעבען א קוויטעל, דער יונגער-מאן האט געבעטען פון הה״ק, אז גאט זאל איהם העלפען, אז ער זאל קענען צוברעכען די שלעכטע מדות, וואס ער האט אין זיך. האט איהם הה״ק געזאגט אויף דעם הויכען קול: מדות ווילסטו ברעכען ... און לערנען ווילסטו ברעכען קיין מדות ווילסטו נישט ברעכען! נאר ... און לערן ערנסט ממילא וועט דאס שלעכטע אוועק גערן.

## 18. הה״כ דערציילט ווי אזוי א סוחר איז ניצל געווארען פון א גזלן.

הה״צ ר׳ משה מקאברין ז״ל איז געקומען על שבת קדש להה״ק מריזין ז״ל עס איז אבער שוין געווען ערב שבת פאר נאכט, איז הה״צ ר׳ משה מקאברין נעגאנגען שלום נעמען, ווען ער איז אריין געקומען צו הה״ק מריזין האט ער איהם געטראפען רויכען די ליולקע מיט גרויסע רויכעס און שטעהט פערטראכט. הה״ק מריזין האט זיך אבגעשטעלט ערוואַרט, און געגעבען שלום צו הרב ר׳ משה, און דערצעהלט איהם אזא מעשה; א סוחר איז אמאל געפאהרען על שבת קודש אהיים, און איז פערבלאנדזעט אין א גרויס וואלד. עס איז שוין שפעט געווארען און פליצלינג האט ער דערזעהן א הויז. ער איז באלד אריין דערין און געטראפען זיצען א מורא׳דיגען גזלן און א ביקס אויפ׳ן טיש, דער סוחר איז זעהר דערשראקען געבליבען און האט געקלערט וואס צו טהון, אנטלויפען? טאמיר שיסט איהם דער גזלן נאך, דא צו בלייבען האט ער אויך מורא; ער האט זיך אלזא מיישב געווען אזוי ווי זוי איז ער אין א סכנה, האט ער געהאפט די ביקס און האט אויס-געשאסען זיך קלערענדיג: ממה נפשך האט ער געטראפען דעם גזלן מה טוב ווען אויך נישט איז געוויס דער גרויסער שטויב און רויך פון שיסען דאמיט צו אנטלויפען. ווען הה״ק מריזין האט אויסדערציילט די מעשה האט ער אוועקגעלייגט די ליולקע אין זאגט אצינד איז שוין צייט זיך מכין צו זיין אויף שבת.

## 19. הה"כ מריזין ז"ל לערנט זייניע חסידים עבדות הבורא.

אמאהל זענען חסידים געזעסען ביי הה"ק מריזין ז"ל ווען ער האט שטארק נערוויכערט, די חסידים האבען געפרעגט דעם רבין ער זאל זיי זאגען אוועג צו עבדות הבורא האט דער רבי געענטפערט בלשון שאלה: איך וויים? די חסידים זענען געבליבען שטיין, ווי דער רבי האט געזעהן אז די חסידים וואונדערן זיך האט ער דערצעהלט אזא מעשה; עס איז אמאהל געוועזען צוויי גוטע פריינד. די ביידע האט מען פעראורטיילט צום הענגען, און חוץ דעם וואס דער קייזער האט זיי געוואלט בעגנאדיגען, האט ער אבער נישט געקענט בעגעהן דאס געזעץ, געגען דעם געריכט, און די גאנצע מדינה, דער מלך האט געגעבען פסק, אז מען זאל מאכען א שטריק איבער א גרויס וואסער, און אויב זיי וועלען קענען דורך געהן אהן א שום מכשול, דעמאלס זענען זיי בעפרייט. איינער פון די חברים איז אריבער בשלום, דער צווייטער האט איהם געפרעגט: מיין פריינד זאג מיר ווי אזוי די ביסט בשלום דורך, דאמיט איך זאל אויך ניצל ווערען פון מיין אורטייל. דער ערשטער האט איהם דערויף געענטפערט: איך וויים גאר נישט נור אז כ'בין געגאנגען אויפ'ן שטריק און עס האט מיך אראב געצויגען אין איין זייט האב איך געמוזט מיך בייגען אין דער אנדערע זייט, אזוי בין איך ניצל געווארען. דעמאלס האט געזאגט הה"ק צו די חסידים פון דעם נעמט אראב א מוסר צו דינען גאט.

## 20. הגאון הצדיק ר' זאב דוב ז"ל מגיד משרים פון טארנא ביי הה"כ מריזין ז"ל.

הגאון הצדיק ר' זאב דוב ז"ל מגיד משרים פון טארנא איז אמאהל געוועזען צוויי טאג ביי הה"ק מריזין ז"ל. ווען ער איז געקומען אהיים צו פאהרען האט ער דערציילט, דאס התנהגות: אז ווען די קינדער פון הה"ק מריזין האבען געגעסען, מיט א גרויסען אפעטיט האט ער זיי אוועק גענומען אין מיט'ן דאס עסען, דער טארנער מגיד האט געפרעגט הה"ק פאר וואס ער טהוט זיי אב יסורים האט ער געענטפערט: מען דארף ברעכען די תאות אכילה, נאך האט דער טארנער מגיד ז"ל דערציילט אז דעם צווייטען טאג האט הה"ק מריזין געהאט א גאנץ אנדערע צורה ווי אין ערשטען טאג אין דאס פנים איז געוועזען מיט התלהבות ווי א מלאך אלקים.

## 21. תחית המתים דורך א מעשה פון הה"ק ז"ל.

אמאהל איז געקומען א גביר וואס האט געהאט א איינציג קינד און עס איז זעהר נעפעהרליך געווארען אז הה"ק זאל איהם העלפען דען אלע דאקטוירים האבען שוין דאס קינד מיאש געוועזען. הה"ק האט איהם דער-צעהלט א מעשה: ביים בעל שם טוב ז"ל איז אויך אמאהל געוועזען אז א קינד איז געוועזען זעהר נעפעהרליך אז די דאקטוירים האבען עס אויפגעגעבען האט דער בעל שם טוב ז"ל גענומען א וועקסען ליכט, און איז נעגאנגען אין וואלד אריין און האט עס צוגעקלעבט צו א בוים, און האט דארט מתפלל געוועזען, האט דאס קינד געהאט א רפואה אין דערנאך איז געוועזען ווידער ביים הרב המגיד ממעזריטש ז"ל אזא מעשה אין דאס קינד איז אויך גע-זונד געווארען אין דערנאך האט הה"צ ר' משה ליב סאסובער ז"ל אויך גע-זונד געמאכט א נעפעהרליך קינד מיט אזא סגולה, און וויל מיר האבען נישט דעם כח וואס יענע צדיקים האבען געהאט וועט השם יתברך העלפען אז נאך די בלויזע מעשה וועט דאס קינד האבען די גאנצע רפואה וכן הוי דאס קינד איז בעזרת השם באלד געזונד געווארען.

## 22. הה"ק מריזין ביי הה"ק מאפטא ר' יהושיע העשיל ז"ל.

ווען הה"ק מריזין איז געקומען קיין מעזיבעש צו הה"ק מאפטא. דאס מאל האט הה"ק מריזין שפעט געדאוונט. הה"ק מאפטא האט איהם גע-פרעגט פאר וואס ער האלט נישט די תפלה בזמנו. דארויף האט געענטפערט דער רוזינער ז"ל איך וועל אייך דערציילען א מעשה: אמאהל איז געוועזען א מלכות של חסד, וואס יעדער האט געקענט צו איהם אריין קומען, פריי דען גאנצען טאג, מיט פערשיעדענע בקשות: די מיניסטארען האבען אבער געזעהן, אז עס איז נישט א כבוד פאר'ן מלך, אז יעדער זאל קענען א גאנצען טאג מיט איהם רעדען, האבען זיי ארויסגעגעבען א נייע געזעץ, אז נור 3 שטונדען אין טאג וועט מען קענען מיט דעם קייזער רעדען, און האבען דאס נייע געזעץ, ארויסגעגעבען אין אלע זיינע מדינות. אמאהל איז געקומען א אבגעריסענער בעטלער צום קייזערס מדור אין זאגט ער וויל רעדען מיט'ן קייזער, נור וויל עס איז נישט געוועזען די צייט פון רעדען, האט איהם די וואך ערקלערט, אז ער מוז קומען צו מארגענס, אין די 3 שטונדען, ווען דער קייזער רעדט מיט יעדען, וועט ער מיט איהם אויך רעדין. דער בעטלער אבער האט געענפערט צו דער וואך: אמת הדבר איך האב אויך געהערט דאס געזעץ אז נור אין די בעשטימטע 3 שעה קען מען רעדען מיט'ן קייזער

דאך איז דאס נעזעץ געשאפען אז ווער עס דארף א טובה פון מלך, אבער אז איינער האט צו רעדען א זאך וואס איז נוגע דען מלך, און דער מלך דארף דאס וויסען, איז דאס געזעץ נישט גילטיג, נור פערקעהרט מען מוז תיכף איין לאזען צום מלך. הה"ק מריזין האט דערנאך געזאגט צו הה"ק מאפטא: איך האב זאכען וואס איז נוגע צום מלך, מוז מען מיך אלע מאהל אריינלאזען.

## 23. הה"ק מריזין אין מעזיבעש.

הה"ק מריזין ז"ל איז אמאל געקומען קיין מעזיבעזש להה"ק ר' יהושיע העשיל מאפטא אויף שבת. הה"ק פלעגט זיך נוהג זיין אז ער האט וועניג געגעסען פון די מאכלים וואס מען האט איהם געגעבען נור פלעגט איבערלאזען הה"ק ר' יהושיע העשיל ז"ל דאנענען, פלעגט אלעס אויפעסען. דאס מאל אבער האט אויך הה"ק ר' יהושיע העשיל איבערגעלאזט. הה"ק מריזין ז"ל האט זיך זעהר געוואונדערט און געפרעגט די אורזאך דערפון. דערויף האט איהם הה"ק מאפטא געענטפערט: געוועהנליך שבת-ראש-חודש, ווייל ראש-חודש איז א גאסט ביי שבת, נעמט מען אוועק די מוסף'דיגע שמונה עשרה, און מען גיט צו פון ראש חודש. יום טוב אז עס געפאלט אין שבת נעמט מען אוועק א שחרית-שמונה עשרה אין א מוסף שמונה עשרה. און מען דאווענט בלוים פון יום טוב, יום כפור אז עס געפאלט אין שבת פאלט דער גאנצער שבת אוועק, כאטשי עס איז א מצוה אין שבת צו עסען דריי סעודות, דאס מאל אבער פאסט מען, ווייל יום כפור איז שבת שבתון. און ווייל איהר זענט ביי מיר א טייערער גאסט, מוז איך מיך אזוי נוהג זיין.

## 24. צוויי סאלדאטען פון רוסלאנד אלס חסידים אין סאדאגורא.

ווען הה"ק האט געוואוינט אין סאדאגורע, זענען צו איהם אריבער געקומען 2 סאלדאטען פון רוסלאנד, און אבגעבענדיג קוויטלעך מיט פדיונים פון 7 רובל האבען זיי געוויינט פאר הה"ק, דאס זיי מוזען מחלל שבת זיין עסען טריפות, און עובר זיין אויף די הייליגע תורה, הה"ק איז געשטאנען קלערענדיג א פאר מינוט און דערנאך האט ער זיי געזאגט „סערצו" ד. ה. מיין הערץ. נעמט צוריק דאס געלד און איך זאג אייך צו, ווען משיח וועט קומען וועט איהר זיין די ערשטע מיט אלע גרויסע צדיקים וועלכע וועלען אקעגען געהן משיח'ן.

## 25. הה"ק מריזין האט דערציילט א מעשה פונ'ם זיידען דער רבי ר' בער ז"ל.

הה"ק מריזין ז"ל, האט דערצעהלט נאך א מעשה פון זיין זיידען רבי ר' בער ז"ל ממעזריטש: נעבען מעזריטש איז געווען א קליין שטעדטיל, אין אלע יודען פון דעם שטעדטעל זענען געווען חסידים פונ'ם רבי ר' בער ז"ל. איינמאל האבען זיי זיך בעקלאגט פאר הה"ק דאס דער פערוואלטער וועלכען דער גראף פונ'ם שטעדטעל האט איבערגעלאזט, טהוט אן די יודען גרויסע צרות אזוי אז עס איז שוין נישט מעהר צום אויסהאלטען. הה"ק האט זיי געגעבען א עצה זיי זאלען איינהעהלען איין מענש, וואס זאל פאהרען קיין פעטערבורג צום גראף; מען האט אזוי געטהון, איידער דער שליח איז אבגעפאהרען איז ער זיך געגאנגען געזעגענען מיט הה"ק ז"ל נור הה"ק האט איהם געזאגט; האסט נאך צייט און אזוי צום צווייטען און צום דריטען מאל. ערשט צום פירטען מאל אז ער איז זיך געקומען געזעגענען האט איהם הה"ק געזאגט! עס איך א ווייטע נסיעה טא פאהר געזונדערהייט און זיי מצליח. דער יוד איז אוועקגעפאהרען און אז עס איז צוגעפאלען די נאכט איז ער אריין אין א קרעטשמע נעכטיגען. אין מיטען דער נאכט איז אנגעקומען א קאלעס מיט געסט וועלכע האבען זיך געהייסען געבען וויין און אנגעהויבען הוליען. אז זיי זענען שוין געווען רעכט לוסטיג, זענען זיי ארומגעלאפען אין אלע שטובען, דערזעהענדיג דעם פרעמדען ליגענדיג אין בעט האבען זיי איינער צום צווייטען געזאגט, דאס דער פרעמדער מוז זיין פון זייער געגענד, טאקי דער איינער גראף וואס דאס שטעדטיל האט זיין געהערט איז אליין צו געגאנגען צום פרעמדען פרעגען פון וואנען ער איז, דער יוד האט איהם געזאגט מיט גרויס פרייד פרעגט איהם דער גראף וואס ער טהוט דא ער זאל זיך אויפהייבען און אויך מיט טרינקען מיט אלע, דער יוד וועלכער האט בעדארף די גרויסע טובה פונ'ם גראף, איז באלד אויפגעשטאנען און מיט געטרינקען, מיט'ן גראף, אין זיינע מענשען.

דער גראף האט איהם געפרעגט, צו וואס זיין נסיעה איז דא אהער, האט איהם דער יוד דערציילט, אז ער פאהרט טאקי אצינד צו איהם, ער זאל זיך ערבארעמען, דעם רשע ארויסצושטעכען, ווייל ער דער פערוואלטער פונ'ם שטעדטיל טהוט אב גרויסע צרות די מענשען וועלכע וואוינען דארט, דער גראף האט איהם געזאגט ער דארף נישט ווייטער פאהרען.

דער גראף האט איהם באלד איבערגעבען א שריפט צום געריכט, דעם פערוואלטער תיכף אבצושאפען, און געבען אויף זיין ארט, אנ'אנדערען. וועלכער זאל זיך נוט בענעהן, מיט די מענ'שען פון שטעדטיל, וכן הוי, אזוי

ווי דער משולח איז אהיים געקומען, און איבערגעבענדיג, די שריפט פונ'ם גראף דעם געריכט, האט מען נאך דעם זעלבען טאג אבגעשאפט דעם רשע, און מען האט די פערוואלטונג איבערגעגעבען א יודען פריינד, און וואס די יודען האבען פערלאנגט האט ער זיי נאכגעגעבען.

## 26. דורך א מעשה פון הה"ק מריזשין איז געהאלפען געווארען א מקשה לילד.

ווען הה"ק מריזשין איז א מאל געווען צוזאמען מיט הה"ק ר"מ מטשערנאבל ז"ל, איז מען צו זיי געקומען ווענען א מקשה לילד. דער מאן האט אנגעהויבען זעהר צו וויינען, אז זיי זאלען זיך דערבארמען, אז זיין ווייב זאל בשלום איבערקומען.

זיי האבען איהם ערקלעהרט, אז מען דארף מאכען א פדיון נפש, נור הה"ק מריזשין האט געוואלט, אז הה"ק מטשערנאבל זצ"ל מאכען דעם פדיון נפש, און הה"ק מטשערנאבל האט געוואלט דאס הה"ק מריזשין זאל מאכען דעם פדיון נפש.

נישט קענענדיג זיך פערגלייכען האט הה"ק אנגעהויבען דערצעהלען אזא מעשה:

אין שטאדט רום איז פערהאנען א גרויסע אוניווערזיטעט, אין וועלכער עס לערנען העכערע גייסטליכע וואס קענען דערנאך ווערען קארדינאלע און פעפסטע. איינמאל האט זיך א פרוי פערשטעלט פאר א מאן און זיך פערשריבען אין דער אוניווערזיטעט, כדי צו לערנען די חכמה פון דער גאטהייט.

זי האט אזוי גוט געלערנט, אז זי איז אין א קורצער צייט ארום געווארען דער בעסטער שילער פון דער אוניווערזיטעט. איינמאל האט מען בעדארפט צו וועהלען א פאפסט, האט מען געפונען פאר דעם בעסטען די פרוי, וואס איז געווען פערשטעלט פאר א מאן און מען האט בעשלאסען אז אין דעם און דעם טאג זאל זיין די קרענונג.

אינצווישען איז די פרוי פון עמיצען שוואנגער געווארען און גראד אין דעם קרענונגס-טאג האט זי געבוירען א זוהן. דער דאזיגער טאג איז פאר'ן פאלק געווען א גרויסער יום-טוב, מען האט פארבערייטעט א גרויסע סעודה און געבעטען אלע גרעסטע לייט. ווען אלע געסט זענען שוין געווען פערזאמעלט, זענען צוויי גרויסע לייט אהין געפאהרען נאכ'ן פאפסט כדי איהם צו דער קרענונג צו פיהרען. אבער ווי פערשעמט זענען זיי צוריק געפאהרען, אז דער פאפסט איז נאר א פרוי און איז גראד דעמולט ענטבונדען געווארען מיט א בן זכר.

זיינט דעמולט האט מען פריהער נישט אריין גענומען קיין שידער אין דער אוניווערזיטעט, ביז מען האט געוואוסט ווער ער איז און אויב ער איז זיכער א מאנספערשוין.

ווי הה"ק מריזשין האט עס געזאגט, טא עס איז דא אויך געבוירען געווארען א בן זכר און עס דא א מזל טוב. וכן הוה; עס איז באלד גע-קומען א שליח מיוהד, אז די מקשה לילד האט בשלום געהאט א בן זכר.

## הה"ק לערנט די חסידים אים חנופה שפיעלען אין דאמינא.

הה"ק מריזשין איז א מאל חנופה אריינגעקומען אין בית המדרש אריין און האט זיינע חסידים געטראפען שפיעלען אין דאמינא. די חסידים דערזעהענדיג דעם רבי'ן, האבען זיך א ביסעל דערשראקען, נור הה"ק זע-הענדיג, זייער שרעק האט ער געזאגט שמייכלענדיג: שעהמט אייך נישט אין דומען דארף מען קענען שפיעלען. איך וועל אייך ווייזען דעם וועג... מען ניעט איינס, כדי מען זאל קענען נעהמען צוויי. צוויי געגג מיט איין מאל טאר מען נישט געהן, מעהן געהט נור ארויף נישט אראב און אז מען איז שוין אויבען, אזוי קען מען שוין דעמולט געהן וואו אהין מען וויל נאר...

## 28. דאס אריבער פאהרען קיין יאסי (רומעניען).

די יודישע געמיינדע אין יאסי (רומעניען), האט א מאל געברויכט צו ארדנען א גרויסע זאך. זיי האבען בעשלאסען א הין צו בעטען א גדול הדור, כדי ער זאל די זאך אין ארדנונג ברענגען.

אבאר פון די ראשי קהלה גבירים לומדים זענען אריבער געקומען קיין גאליציען, זיי זענען אריין געפאהרען קיין בוטשאטש צו הגאון הצדיק בעל דעת קדושים: די גבירים פון יאס האבען דערציילט הה"ק מבוטשאטש דאס זיי האבען א כסוך און זענען געקומען איהם בעטען ער זאל מיט זיי אריבער פאהרען קיין יאס.

הה"ק איז געוועזען איינפערשטאנדען און האט מסכים געוועזען מיט זיי אריבער צו פאהרען.

הה"ק האט זיך געהייסען איינפאקען די נעטיגע זאכען און איז באלד געוועזען צוזאמענגעשטעלט צו דער רייזע; איינער פון די יאסער גבירים האט געזאגט צו הה"ק דאס די נסיעה וועט נישט זיין בחנם נור מען וועט איהם גוט בעצאהלען. באלד ווי הה"ק האט דאס דערהערט האט ער געזאגט צו

די גבירים איהר מענט שוין אהיים פֿאָהרען איך וועל שוין מיט אייך נישט פֿאָהרען, די גבירים האָבען אָנגעהויבען בעטען, עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿען, די גבירים בעטען וועהר הה"ק זאָל זיי כאָטש זאָגען אמענש צו וועלכען זיי זאָלען אהין פֿאָהרען דאָס ער זאָל קענען דעם סכסוך אויס טראַגען.

הה"ק האָט זיי געזאָגט פֿאָהרט אריבער קיין סאראגורע צו הה"ק מריזין ער וועט מיט אייך פֿאָהרען.

די גבירים האָבען זיך אָבגעזעגנט מיט הה"ק מבוטשאטש און זענען תיכף אריבער געפֿאָהרען צו הה"ק מריזין. אריינקומענדיג קיין סאראגורא זענען זיי באלד געגאנגען צו הה"ק איהם בעטען ער זאָל מיט זיי אריבער פֿאָהרען קיין יאס, און א חוץ דעם וואָס די גבירים האָבען איהם דערצעהלט אַז זיי קומען פֿון בוטשאטש האָט הה"ק מסכים געוועזען מיט זיי צו פֿאָהרען.

הה"ק מיט זיינע מענשען אויך מיט די צוויי נכבדים זענען אָבגעפֿאָהרען אין אריינקומענדיג קיין יאס איז געוועזען דער כבוד וועהר גרויס אַז כמעט א האלבע שטאָדט זענען איהם ענטקעגען געקומען און מענשען אין די הונדערטער זענען געקומען מיט קוויטלעך און פדיונים. הה"ק האָט אויך מיט זיין חכמה און צדקות די גאנצע זאַכע אויסגעטראָגען, ארויספֿאָהרענדיג פֿון יאס, האָבען איהם ווידער בעגלייט א האלבע שטאָדט מיט גרויס כבוד. צווישען די בעגלייטע איז אויך געוועזען א למדן און פֿון די בני עליה. ביים אָבגעזעגענען זיך מיט'ן רבין זאָגט ער איך גלייב אַז דער רבי האָט געהאַט אין יאס א היבשע סומע געלד. הה"ק האָט איהם געפֿרעגט וועלכע סומע הייסט ביי איהם היבש, דער גביר ענטפֿערט אַז ער קלעהרט 500 גאלדענע דוקאטען (רענדליך).

הה"ק מריזין האָט איהם געזאָגט אמת הדבר, איך מיין אַז איך האָב נאָך מעהר, נור דאָס אלעס איז גאָר נישט, ווייל דאָס גאנצע געלד פֿון דער וועלט איז מיין. דער למדן אין דער גביר האָט נישט פֿערשטאנען די רייד, דעמאָלס האָט הה"ק איהם איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה:

עס איז אמאָהל געוועזען א בעטלער דער בעטלער האָט בעזונדער מצליח געוועזען אין זיין עסק פֿון בעטלען ער איז מיט דער צייט געוואָרען וועהר א גרויסער עושר, יעדאָך דאָס געשעפֿט פֿון בעטלען האָט ער ווייטער געפֿיהרט, דער בעטלער האָט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלען אויך אַזוי מצליח זיין אין דעם בעטעל געשעפֿט, האָט ער אָבגעזאָגט זיין ווייב ווען זי וועט ענטבונדען ווערען מיט א קינד זאָל זי עס מאכען א פֿעהלער ווייל א פֿעהלער'דיגער בעטלער קען נאָך מעהר מצליח זיין, זי האָט נעפֿאָלגט דעם מאנ'ס רייד. און האָט יעדעס קינד ביי דער געבורט עפּיס א פֿעהלער געמאכט.

איין מאהל האט זי געהאט זעהר א שיין קינד, איז איהר א רחמנות געוועזען א פעהלער צו מאכען, האט זי דאס איינע קינד געלאזט אויפוואקסען אהן א פעהלער, מיט איינמאל דער אלטער בעטלער איז קראנק געווארען האט ער א צואה געמאכט אז דאס גאנצע פערמעגען געהער דעם זוהן אהן פעהלער, זיינע קינדער די קאליקעס זענען צוגעקומען שרייענדיג צום פאטער ווי הייסט ער איז גלייך קומט איהם דאס גאנצע פערמעגען? און מיר קא-ליקעס וואס וועלען טהון, דער אלטער בעטלער האט זיי געזאגט טא וויל איהר זענט טאקי קאליקעס וועט מען אויף אייך רחמנות האבען און מען וועט אייך געבען געלד גענוג, אבער דער גלייכער, ווער וועט איהם געבען? ער איז דאך אנ'אונגליקליכער מענש אויף דער וועלט, דאדורך מוז איך איהם געבען מיין גאנץ פערמעגען, ווי הה"ק האט אבערצעהלט די מעשה האט ער געזאגט צום גביר איך בין אנגלייכער און דאס גאנצע געלד איז מיין.

## 29. הה"צ ר' מיכלי מזלאטשוב איז געפאהרען צום רבין ר' בער ז"ל.

המגיד הקדוש ר' מיכלי מזלאטשוב ז"ל איז אמאהל געפאהרען קיין מעזריטש צו הרב המגיד ז"ל מיט זיך האט ער דעמאלס מיטגענומען זיין זוהן הרב הצדיק ר' יצחק מראדוויל ווען זיי זענען אבגעקומען קיין מעזריטש האט דער ר' מיכלי אהין געשיקט זיין זוהן וועלכער איז געוועזען נאך דעמאלס א יונגער מאן געוואויער צו וועהרען אויב מען קען אריינקומען צום מגיד שלום נעמען, הרב ר' יצחק אריינקומענדיג צום מגיד פון מעזריטש וועלכען ער האט איהם ליגען אויפ'ן בעט געטראפען, פרעגט הרב המגיד ז"ל אויב זיין פאטער ר' מיכלי מזלאטשוב קען אצינד שלום נעמען אזוי האט ער געפרעגט צוויי אדער דריי מאל און ער האט איהם נאר נישט געענטפערט ער איז אהיים געגאנגען צו זיין פאטער, דערצעהלענדיג אז ער האט נאר קיין ענטפער, האט ער איהם געהייסען נאך אמאהל אהין גיין, ביז צום דריטען מאהל איז ער אהין געגאנגען, און איז מיט דער זעלבע תשובה צוריק גע-קומען.

דער ר' מיכלי ז"ל איז אליין אהין געגאנגען עפענדיג די טהיר האט ער געזעהן אז אליהו הנביא איז דארט ער איז בשעת מעשה גאנץ דער-שראקען געווארען אין זיין זוהן האט נישט געזעהן ווער עס איז אין דרינען דאס איז אליהו הנביא.

## 30 א רוזינער חסיד האט געהאט אויף יענעם עולם מסירת הנפש פאר זיין רבין.

הה"ק מרוזין האט אמאהל געלויבט זיין חסיד, אז אפילו ווען ער איז שוין געוועזען אויפ'ן עולם אמת, האט ער געהאט מסירת הנפש פיר איהם, דעמאלס ווען הה"ק איז אפגעזעסען אין קיוב און איז בעפרייט געווארען וויל מען האט נישט געפונען קיין שום חטא אויף אים, האט דער גובערנאטאר פון קיוב פארגעלעגט פאר די רוסישע רעגירונג, דאס א חוץ וואס הה"ק האט קיין שום חטא און מען מוז אידם בעפרייען, איז אבער צו בעווארנען אז מיט דער צייט וועלען אידם אפגעבען די יודען פאר מלך ישראל, איז דארויף גלייך מען זאל אידם פארשיקען אין די מדינת רחוקת אין רוסלאנד ווי עס געפינט זיך נישט קיין שום יוד און אז יודען דארפען נישט קיין מאהל אהין קומען.

האט הה"ק מרוזין דערציילט אז אין הימעל האט מען אייך צו דעם מסכים געוועזען, און וועלכער עס וועט זיך וואגען דאס מגלה זיין דעם רוזינער וועט ליידען זעכציג פייערדיגע רוטען, יעדאך האט געהאט מיינער א חסיד וואס איז שוין דעמאלס געוועזען אויף יענעם עולם מסירת הנפש ער וויל מקבל זיין דעם פסק אבי ער זאל דאס מגלה זיין דער רבין מרוזין ווי דער רוזינער האט דאס געהערט האט ער געגעבען א געשריי, ניין! איך בין נישט מסכים און דארויף איז הה"ק ניצל געווארען פון די גזירה.

## 31 וועגען דער קבלה פון רש"י און די בעלי התוספות.

הה"ק מרוזין ז"ל האט אמאהל דערצעהלט, פאר וואס רש"י ז"ל און די בעלי התוספות האבען קיינמאל נישט איבער קבלה נור אלעס כדרך-פשטות און ווען אפילו רש"י ז"ל האט אמאהל יא געשריבען איבער קבלה, האט ער עס געשריבען זעהר בעהאלטען. דאך זאגט רש"י איינמאל א פשט אויף דעם פסוק „ושמי בקרבו" זהו מט"ט ששמו כשם רבו" און דאס האט ער געזאגט דארוף, וויל רשי ז"ל האט נישט געהאט קיין אנדער אופן און האט געמוזט זאגען דאס דער מלאך מטטרו"ן טרעפט אב גראדע ווי פיעל דעם שם פון שדי, און דאס האט רש"י געמיינט דאס „ששמו כשם רבו" דעם מלאך'ס נאמען טרעפט אב ווי פיעל דער נאמען פון זיין האר. האט הה"ק מרוזין ז"ל געפרעגט: נו פאר וואס זאגען אנדערע, שפעטערדיגע מקובלים ארוים זייער מיינונג פריי? נור איך וועל אייך דאס געבען צו פערשטעהען על פי משל; אמאהל איז געווען א קיסר וואס האט געקיניגט איבער דער

גאנצער וועלט, איינמאָל האָט דער קיסר געלאָזט בויען פאַר זיך א הערליכען פּאַלאַץ. דעם פּאַלאַץ האָט מען געבויעט אַזוי אַז קודם כל האָט מען אויפגע-שטעלט די פיער אויסענוועניגסטע ווענד און דערנאָך ערשט האָט מען גע-מאַכט אַלע אינעווענינגסטע ווענד מיט די שענסטע פערציערונגען. אַז מען איז געגאנגען מאַכען דאָס מעבעל האָט מען עס געמוזט מאַכען אויף דער גאַס, אַזוי, אַז ווער עס איז אדורך געגאַנגען האָט עס געקענט אָנקוקען, ווערהענד אָבער די אינעווענינגסטע צימער האָט נור געקענט אַנקוקען דער וואָס האָט געהאַט אַ ערלויבעניש פון׳ם קיסר.

אַזוי איז אויך מיט דער קבלה. גאָט האָט אראָב געגעבען די הייליגע תורה אין דאָס איז דער טייע׳ער בנין די ערשטע גאונים ווי רש״י מיט די בעלי תו״ם האָבען געאַרבייט די טייערע פערציערונגען אינעווענינ אין פּאַלאַץ דאַדורך האָט קיינער נישט געקענט זעהן זייער אַרבייט. שפּעטער אָבער ווי מען האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען די מעבעל האָט מען שוין פריי געאַרבייט דאָס יעדער פערשטייט.

## 32 א שמועס וועגען משיח׳ן.

הה״ק מרוזין האָט אַמאָהל געזאָגט; די וועלט זאָגט וועגען משיח׳ן, האָט דער שפּאַלער זיידע געזאָגט בזה הלשון:

„משיח פאַר וואָס קומסטו נישט?! איך שווער דיר ביי מיין באָרד אַז די יודען וועלען נישט תשובה טהון"

נור איך זאָג אייך, אַז יודען ווילען יאָ תשובה טהון נור צום ערשט מוז זיין די גאולה.

## 33 א גוטע עצה.

צו הה״ק מרוזין ז״ל איז אַמאָל געקומען א פרימער יונגער-מאַן, וואָס האָט געפאַסט נישט געגעסען קיין דבר מן החי און געהאַלטען פיעל סיגופים האָט איהם הה״ק בזה הלשון: איך זאָג דיר דו זאָלסט נישט פאַסטען. פון קיין רשעים שמועס איך נישט נור דער וואָס וויל זיין א יוד זאָג איך ער זאָל עסען און טרינקען דאווענען און לערנען. און די סיגופים וואָס ער דאַרף טהון נעהם איך אויף מיר. איידער דער חסיד איז אַוועקגעפאָהרען האָט איהם דה״ק געזאָגט: פאָהר געזונדערהייט. איך זאָג דיר טאָמער ועסטו מיך נישט פאָלגען זאָלסטו נישט פאָהרען צו מיר. טאָמער וועסטו יאָ פאָהרען צו מיר וועל איך הייסען מען זאָל דיך נישט אריינלאָזען. דער יונגערמאַן אָבער האָט

נעפרענט הר"ק ז"ל מיט וואס ראטעוועט מען זיך אז עס ווערט שלעכט? האט הה"ק איהם אבגעשריענגען: אוי שוטה! מיט דעם ראטעוועט מען זיך אז עס ווערט שלעכט. מען לערנט א פרק משניות א עין יעקב א בלאט גמרא און עס וועט דיר ווייטער זיין שלעכט זאלסטו דיך דערמאנען און מיר אז די שטעהסט נעבען מיר, יועט דיר שוין איה"ש גוט ווערען.

## 34 הה"ק מאפטא פערטיידיגט דאס התנהגות פון הה"ק מריזין.

אין דער צייט פון הה"ק מריזין איז אמאהל געוועזען א עת צרה א שלאפהייט ר"ל, און וויל דעמאלס איז געוועזען הה"ק מאפטא דער זקן הדור האט ער גוזר תענית געוועזען אז יעדער מוז פאסטען מאנטאג און דאנע־שטאג ביז גאט וועט זיך מרחם זיין עס וועט אויפהערען, ווען די בשורה וועגען תענית איז אבגעקומען צו הה"ק מריזין האט ער געהייסען. מען זאל רופען א קאפעליע זינגען און שפיעלען די טעג, די חסידים פון הה"ק מאפטא האבען דערציילט דאס התנהגות פון הה"ק מריזין אז דארט איז גאר שמחת יו"ט האט הה"ק מאפטא געזאגט, צום עולם מיר קענען זיך נישט גלייכען צום ריזינער ער גייט על פי דין ווי עס שטייט אין דער תורה וכי תבוא מלחמה בארצכם ותקעתם בחצוצרות, אויב עס וועט אבקומען א מלחמה אין אייער לאנד עס הייסט ר"ל זיין שלאפהייט ווי היינט זאל מען טרימייטען, און מיט דעם שפיעלען און זינגען פון הה"ק מריזין וועט דער גזר דין מוזען אבגע־שהון ווערען.